Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat

פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 5 (997) | Łódź, Sroda 5 Stycznia 1927 | פינפטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך ב' שבט תרפ"ז. | Nr. 5 997

Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel. 24-71 || אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71

# „יודישע אגענץ" — א מלוכה-אינסטיטוציע

## אורטייל פון קריגס-געריכט אין יפו.

ירושלים. (יט"א). בעת א געוויסען פראצעס אין קריגס-געריכט אין יפו האט זיך ארויסגערוקט די פראגע: צי קען די „יודישע אגענץ" בעטראכט ווערען אלס יורידישע פערזאן, הגם זי איז נישט פערדעגיסטרירט אלס יורידישע קערפערשאפט אין ארץ-ישראל.

דאס געריכט-האט ענטשידען, אז אויפ'ן סמך פון מאנדאט, דארף די יודישע אגענץ בעטראכט ווערען אלס א מלוכה-אינסטיטוציע און צוליב דעם איז זי נישט אונטערווארפען די אלגעמיינע געזעצען וועגען רעגיסטראציע. די יודישע אגענץ קען אין די ראהמען פון איהרע קאמפעטענצען ארויסטרעטען אלס מלוכה-אינסטיטוציע און יורידישע פערזאן. לויט דער ענטשיידונג איז אויך דער ציוניסטישער עקזעקוטיוו אין ירושלים א לעגאלע קערפערשאפט הגם ער האט זיך נישט פערדעגיסטרירט.

## פיל פראטאקאלען פאר נישט אויסגעקויפטע פאטענטע.

ווארשא, 4 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) ווי עס ווייזט זיך ארויס, האט מען ביז איצט אויסגעקויפט אין ווארשא - זעהר ווייניג פאטענטען, פיל ווייניגער, ווי יעדעס יאהר. לויט די אויסרעכנונגען פון דער פינאנץ-קאמער זענען אויף דער אלגעמיינער צאהל 40000 ווירטשאפטליכע אינסטיטוציעס אויסגעקויפט געווארען נישט מעהר ווי א 17000 פאטענטען.

נעכטען האט שוין די פינאנץ-קאמער ארויסגעשיקט בעאמטע, וואס האבען קאנטראלירט די פאטענטען. וואו עס איז נאך נישט געווען קיין נייער פאטענט, איז געמאכט געווארען א פראטאקאל.

עס זענען געמאכט געווארען עטליכע הונדערט פראטאקאלען פאר נישט אויסקויפען פאטענטען, אבער קיין גרויסע שטראף וועלען זיי נישט דארפען צאהלען. אלענפאלס נישט די 20 מאל אזוי פיל ווי דער פרייז פון פאטענט.

## נאציאנאלער טרויער נאך אחד העם.

תל אביב, 4 (י.ט.א. טעלעגראפיש) כ"ב טבת, דער טאג, ווען אחד העם איז געשטארבען, איז בעשלאסען געווארען צו ערקלערען פאר א נאציאנאלען טרויער.

## די איין- און אויסוואנדערונג אין א"י

ירושלים, 4 (יט"א טעלעגראפיש) אין משך פון חודש נאוועמבער זענען קיין א"י אנגעקומען 521 פערזאן. ארויס געפאהרען זענען 923.

## יודישע פאלקס-פארטיי אין לאדז.

מארגן דאנערשטאג, דעם 6 יאנואר ד. י. 8 א זייגער אין אווענד קומט פאר א גרויסע

## בעריכטס-פערזאמלונג

פון דער פארטיי, אויף וועלכע אלע פארטיי-חברים ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען צו דער פערזאמלונג.

בעמ.: די פערזאמלונג קומט פאר ביי יעדע צאהל מיטגלידער.

ראט פון דער יוד. פאלקס-פארטיי אין לאדז.

285



## ווארנונג.

דערמיט ווערט בעקאנט געמאכט, אז ס'זענען ארויסגעגנב'עט געווארען

### 3 רעקלאמע איבערפיהרונג'ס-וועגן

פון דער פירמע „ווינהעלהויזען" פון דער עסיג-פאבריק, נארוטאוויטש 32 און עס ווערט געווארענט אזעלכע נישט צו קויפען. גלייכצייטיג ווערט בעשטימט א פעיי 50 זל. וועלכער עס וועט אויסגעפינען אדער אנווייזען וואו עס געפינען זיך די וועגען.

279

נ. הערצבערג, אנדרזשעיא 38.

טעאטער „סקאלא" צעגעלניאנא 18. היינט, מיטוואך, דעם 5. יאנואר, פינקטליך 8.30 אין אווענד קומט פאר א

## פייערליכע פערזאמלונג

אויף וועלכער דער עהרען-גאסט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען, גענעראל פון דער ענגלישער ארמעע

# סיר ווינדהאם דידס,

געוועזענער ציוויל-סעקרעטאר (מיניסטער-פרעזידענט) פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג אין ירושלים, וועט ארויסטרעטען מיט א רעדע אויף דער טעמא:

### „דער ציוניזם און די פאליטיק פון דער בריטישער אימפעריע"

די קליינע צאהל איבערגעבליבענע בילעטען צו בעקומען אין ציוניסטישען ביורא (צעגעלנ. 4) און פון 5 נאכט. ביי דער טעאטער קאסע „סקאלא" פאר'ן אנהויב וועלען די טירען ווערען געשלאסען.

בעמ.: די פערזאמלונג וועט זיך אנהויבען פינקטליך האלב 9 א זייגער.

286

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל דעם לייטער פון די יודישע קאאפעראטיווע געזעלשאפטען אין פוילען ח' אברהם שמויש, צוליב'ן טויט פון זיין מוטער

## חיי שרה ז"ל

זאל ער זיין טרייסט געפונען אין דער ארבייט פאר'ן אידעאל פון דער יודישער קאאפעראציע

לאדזער קליינהענדלער באנק

אגראדאווא 10.

284

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 66 יאהר אונזער טייערע און נישט-פערגעסענע מוטער, שוויגערמוטער און גרויס-מוטער

## נ. ע. חיי שרה אשת ר' יוסף ז"ל שמויש

### (געבוירענע שרויט).

די לויה קומט פאר היינט, מיטוואך, דעם 5. יאנואר 1927, 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז, זאחאדניא 6, וועגען וואס ס'מיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע פאמיליע.

276

אונזער מיטגעפיהל דעם ח' א. שמויש צום טויט פון זיין

## מוטער.

אין זיין פרוכטבארער ארבייט זאל ער א טרייסט געפינען!

היטעל-מאכער-קאאפעראטיוו

נאוואמיעסקא 19.

298

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל דעם לייטער פון רעוויזיאנס-פערבאנד פון די יודישע קאאפעראטיווע געזעלשאפטען אין פוילען, ח' אברהם שמויש, צוליב'ן טויט פון זיין מוטער

## חיה שרה ז"ל

זאל ער זיין טרייסט געפונען אין דער ארבייט פאר'ן אידעאל פון דער יוד. קאאפעראציע.

קאאפעראטיוו „פשענדזא"

פאלודניאווא 4.

277

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל דעם לייטער פון רעוויזיאנס-פערבאנד פון די יודישע קאאפעראטיווע געזעלשאפטען אין פוילען, ח' אברהם שמויש, צוליב'ן טויט פון זיין מוטער

## חיה שרה ז"ל

זאל ער זיין טרייסט געפונען אין דער ארבייט פאר'ן אידעאל פון דער יוד. קאאפעראציע!

די האנדווערקער-באנק אין לאדז

פאלודניאווא 4.

276

